בס"ד

מקץ חנוכה תשפ"ה

גליון 219

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינְדער זאָלְט איר מודיעַ זיין
וואס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### זַאט בִּקְדֻשָּׁה

אַ גוטְן שַׁבָּת פאַר אַלֶע לעכְטִיגֶע קינְדֶער,

מֶען קֶען זיך נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דער נַחַת רוּחַ וואס דער אויבֶּערְשְׁטֶער האָט פון אונְזֶערֶע חֲנֻכָּה ליכְט און די שַׁעֲשׁוּעִים וואס עס ווערט אין אַלֶע אויבֶּערְשְׁטֶע און אונְטֶערְשְׁטֶע וועלְטְן פון אונְזֶער הַלֵּל און זְמִירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פון די אַכְט חֲנֻכָּה טֶעג.

די וואָכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה דֶערְצֵיילְט אונְז די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וועגְן די חֲלוֹמוֹת פון פַּרְעֹה. פַּרְעֹה האָט גע'חָלוֹמ'ט ווי ער זֶעהְט זִיבְּן פֶעטֶע קִיעֶן דֶערְנָאךְ קוּמֶען זִיבְּן מָאגֶערֶע און אַיינְגֶעדַארְטֶע קִיעֶן מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע אויסְזֶען און שְׁלִינְגֶען אַיין די זִיבְּן פֶעטֶע קִיעֶן און עס דֶערְקֶענְט זיך גָארְנִישְׁט אָן אויף די מָאגֶערֶע קִיעֶן. דעם זֶעלְבְּן חָלוֹם האָט ער אויךְ גֶעהַאט מִיט די זִיבְּן מָאגֶערֶע זַאנְגֶען וואס שְׁלִינְגֶען אַיין די זִיבְּן פֶעטֶע זַאנְגֶען. קֵיינֶער האָט נִישְׁט גֶעקֶענְט פּוֹתֵר חָלוֹם זַיין פַאר פַּרְעֹה, בִּיז דער שַׂר הַמַּשְׁקִים האָט זיך דֶערְמַאנְט פון יוֹסֵף הַצַּדִּיק, און אַזוֹי איז יוֹסֵף אַרויס פון תְּפִיסָה און גֶעוָוארְן אַ מֶלֶךְ.

רַבִּי נָתָן איז מַסְבִּיר ווי אַזוֹי דָאס איז אויךְ שַׁייָךְ פַאר אונְז אַלֶע. יֶעדֶער אֵיינֶער פון אונְז האָט גוּטֶע צֵייטְן וואס דֶעמָאלְטְס כַאפְּט ער אַרַיין תּוֹרָה, תְּפִלָּה מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים. אַזוֹי אויךְ איז דָא בַּיי יֶעדֶער אֵיינֶער פון אונְז שְׁוֶוערֶע צֵייטְן, חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אָדֶער דֶער גוּף איז נִישְׁט אַזוֹי גֶעזוּנְט און נָאךְ אַנְדֶערֶע נִסְיוֹנוֹת מִיט וואס מֶען פְּרָאבִּירְט אונְז אויס. אַזוֹי אויךְ קֶען מֶען אַמָאל פון הִימְל אַרָאפְּוַוארְפְן אַ מֶענְטְשׁ פון זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם און דֶער מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן די אַלֶע גוּטֶע טֶעג און תְּקוּפוֹת וואס ער האָט גֶעהַאט און אַרַיינְגֶעכַאפְּט פוּל מִיט מִצְוֹת און גוּטֶע מַעֲשִׂים. דֶערְפַאר קוּמְט דער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וואס איז אַ בְּחִינָה פון יוֹסֵף הַצַּדִּיק און לֶערְנְט איז אויס אַז "בְּשְׁנֵי הַשָּׂבָע" אין די גוּטֶע טֶעג ווען אַ מֶענְטְשׁ איז "זַאט בִּקְדֻשָּׁה" זָאל ער זיך גוּט אָנְפוּלְן זַיינֶע אוֹצָרוֹת מִיט אַסַאךְ גוּטְס ווייפִיל עס גֵייט נָאר אַז ווען עס וועט אָנְקוּמֶען די "שְׁנֵי הָרָעָב - די שְׁוַואכֶע טֶעג" זָאל ער הָאבְּן מִיט וואס זיך צוּ דֶערְהַאלְטְן, אַזוֹי ווי דער רֶבִּי שְׁרֵייבְּט; (תורה מ"ח תנינא) "גֶעדֶענְק דָאס גוּט! ווען דוּ הֵייבְּסְט אָן אַרַיינְגֵיין אין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דַארְף מֶען זַיין גָאר אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן זיך צוּ הַאלְטְן און נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין פְּלַאץ דָאס מֵיינְט דָאס בִּיסֶעלֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וואס דוּ הָאסְט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן..."

אַפָּאר שָׁעָה פַאר רַבִּי נָתָן איז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן האָט ער גֶעטַייטְשְׁט דעם פָּסוּק לְכוּ אֶל יוֹסֵף אֲשֶׁר יֹאמַר לָכֶם תַּעֲשׂוּ (בְּרֵאשִׁית מא) אַז דער עִיקָּר איז צוּ זַיין מְקֻשָּׁר צוּ אַ צַדִּיק און טוּן וואס דער צַדִּיק הֵייסְט.

דער אויבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עס זָאל שׁוֹין מְקֻיָּם ווערְן די תְּפִלָּה פון "אוֹר חָדָשׁ עַל צִיּוֹן תָּאִיר וְנִזְכֶּה כֻלָּנוּ בִּמְהֵרָה לְאוֹרוֹ" אָמֵן וְאָמֵן.

אַ גוּט שַׁבָּת

## פרעג מייך קינד



אויף זייט 2

# פְּרֶעג מַיין קִינְד

קינדער פרעגן, מלמדים ענטפערן



**שְׁאֵלָה:** *אַ גוּטְן אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ אוֹיפְשְׁטֵיין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אוּן לוֹיפְן צוּם בָּאס, אָבֶער אִיךְ לַייד פַארְדֶעם אַסַאךְ בּוּשׁוֹת, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?*

**תְּשׁוּבָה:** צוּם עֶרְשְׁטְן אַשְׁרֶיךָ יוֹסֵף אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דִי מִי צוּ פְרֶעגְן וָואס עֶס בַּאדֶערְט דִיר. דוּ דַארְפְסְט לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז דוּ בִּיסְט גְרֵייט צוּ הֶערְן אוּן זִיךְ לָאזְן הֶעלְפְן, אַנְדֶערֶע קִינְדֶער בַּאגְרָאבְן פְּרָאבְּלֶעמֶען טִיף אִין זֵייעֶר גוּף אוּן פְּרוּבִּירְן זִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן.

צְוֵויטְנְס: מִיר מַאכְן יֶעדְן טָאג דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה אִינְדֶערְפְרִי, 'הַנּוֹתֵן לַשֶּׂכְוִי בִינָה לְהַבְחִין בֵּין יוֹם וּבֵין לָיְלָה'. שֶׂכְוִי מֵיינְט צְוֵויי זַאכְן, דֶער פָּשׁוּטֶ'ער פְּשַׁט אִיז אַ 'הָאן', דֶער צְוֵוייטֶער פְּשַׁט מֵיינְט שֶׂכְוִי 'שֵׂכֶל' פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט פוּן דִי נִירְן.

יֶעדֶעס קִינְד וָואס וִויל אוֹיפְשְׁטֵיין מִיט פְרִישְׁקֵייט אוּן חֵשֶׁק צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר, שׁוּל א.א.וו. דַארְף גֵיין מִיט דִי וֶועג פוּן אַנֶערְקֶענֶען וֶוען סְ'אִיז טָאג אוּן וֶוען סְ'אִיז נַאכְט! דֶער בַּאדַייט פוּן 'נַאכְט' לוֹיט ר' נָתָנְ'ס שְׁפְּרַאךְ מֵיינְט 'מַיינֶע שְׁוַואכְקַייטְן'. אַז אִיךְ דַארְף מַאכְן אַ צְוִישְׁנְשֵׁייד צְוִישְׁן אוּן טָאג מֵיינְט אוֹיפְזוּכְן מַיינֶע גוּטֶע זַאכְן דָאס מֵיינְט 'נְקוּדוֹת טוֹבוֹת'.

אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ לֵייגְן פְרֵיילִיךְ אוּן גְלֵייבְּן אִין דַיין גוּטְס, דַיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת אִיז זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֵיין מִיט חֵשֶׁק גוּטְמוּטִיג אוּן זַיין אַ זָרִיז.

דְרִיטְנְס: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (תּוֹרָה ס"ו) זָאגְט אַז שְׁטֶערוּנְגֶען וָואס אַ אִיד הָאט אִיז נָאר אִים צוּ פַארְשְׁטֶערְקֶערְן זַיין חֵשֶׁק, פוּן אוֹיבְן שִׁיקְט מֶען דִיר מְנִיעוֹת זָאלְסְט בַּאקוּמֶען מֶער חֵשֶׁק צוּ גֵיין אִין חֵדֶר אוּן הֲנָאָה הָאבְן פוּן דַיין רֶבִּי אוּן דַיינֶע חֲבֵרִים!

פֶערְטְנְס: דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת: "מִי שֶׁהוּא מְקֻדָּשׁ יוֹתֵר, הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁנָה יוֹתֵר - וֶוער עֶס אִיז הֵיילִיגֶער דֶער אִיז וַוייטֶער פוּן שְׁלָאף". לֵייג צוּ עֶפֶּעס אַ קְלֵיינֶע זְהִירוּת זִיךְ

אוֹיפְצוּפִירְן מֶער הֵיילִיגֶער וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיך בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם.

און דִי פִּינְפְטֶע זַאךְ: דֶער עִיקָר אִיז וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה. בֶּעט בַּיים בַּאשֶׁעפֶער מִיט דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ און אוֹיךְ אִין לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת אִיז דָא עֶטְלִיכֶע תְּפִלּוֹת. תְּפִלָּה ל"ה. תְּפִלָּה נ"ד. און אִין חֵלֶק שֵׁנִי תְּפִלָּה ה', קֶענְסְט עֶס אוֹיפְזוּכְן לוֹיט דִי וָוארְט 'שֵׁינָה'.

מִיר וִוינְטְשְׁן דִיר אַ גוּט מָארְגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל!

# אֵיין אִשָּׁה'לֶע



## צוּ וֶועמֶען זָאל מֶען זִיךְ וֶוענְדְן?

"מַאמִי, מַיין פוּס טוּט מִיר וֵויי..." הָאט מַיין קְלֵיינֶע בְּרוּדֶערְל, נַחְמָן, זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט.

נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, אַ פוּס וֵוייטָאג אִיז נָאכְנִישְׁט עֶק וֶועלְט. מֶען הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט אַזָאנְס. מַיין מַאמֶע הָאט בַּאטְרַאכְט זַיין פִּיסֶעלֶע און גֶעטְרָאפְן דָארְט אַ קְלֵיין אַייטֶערְדִיגֶע וואוּנְד, לִכְאוֹרָה הָאט עֶר זִיךְ עֶרְגֶעץ וואוּ אָנְגֶעקְלַאפְּט און סְ'אִיז גֶעוָוארְן אַנְטְצִינְדֶען. אַ פְלַאסְטֶער וֶועט זַיין גֶענוּג.

מַיין מַאמֶע הָאט אִים גֶעגֶעבְן אַבִּיסְל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט און אִים אָנְגֶעשְׁמִירְט דֶעם וואוּנְד מִיט זַאלְבּ, אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אַ פְלַאסְטֶער און אִים גֶעשִׁיקְט אִין חֵדֶר וִוי יֶעדְן טָאג.

נָאכְמִיטָאג אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעקוּמֶען הִינְקֶעדִיג.

נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, עֶר דַארְף נָאךְ אַבִּיסְל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

"מַאמִי, מַיין פוּס קְרַאצְט און טוּט מִיר וֵויי. אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין," הָאט נַחְמָן גֶעקְלָאגְט.

"קוּם, לָאמִיר זֶען וָואס סְ'טוּט זִיךְ מִיט דַיין בּוּבּוּ?"

מַיין מַאמֶע הָאט גֶעעֶפְנְט דֶעם פְלַאסְטֶער, פָארְזִיכְטִיג בַּאטְרַאכְט דֶעם וואוּנְד און הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט צוּ זֶען אַז דֶער אַייטֶער הָאט גֶעפְּלַאצְט און אַצִינְד אִיז עֶס אַן אָפֶענֶער וואוּנְד וָואס דַארְף זִיךְ פַארְהֵיילְן. זִי הָאט אִים וַוייטֶער גֶעשְׁמִירְט און בַּאנְדַאזְשִׁירְט און גֶעהָאפְט אַז סְ'וֶועט דוּרְכְגֵיין אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעקוּמֶען.

עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט זִיךְ נַחְמָן גֶעמוּטְשֶׁעט מִיטְן אָפֶענֶעם וואוּנְד וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים פַארְהֵיילְן. אֵיין אִינְדֶערְפְרִי וֶוען נַחְמָן הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט וִוידֶער אִין יִסוּרִים הָאט מַיין מַאמֶע אַנְטְדֶעקְט אַז נֶעבְן דֶעם אַלְטְן וואוּנְד אִיז עֶרְשִׁינֶען אַ נַייעֶר וואוּנְד פוּן זֶעלְבְן סָארְט, פוּל מִיט אַייטֶער.

און אַפָּאר טֶעג שְׁפֶּעטֶער הָאט וִוידֶער אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אַ נַייעֶר וואוּנְד דָארְט נֶעבְן דִי אַלְטֶע. מַיין מַאמֶע הָאט אִים גֶעשְׁמִירְט און בַּאנְדַאזְשִׁירְט

אָבֶער די וואוּנְדְן הָאבְּן זִיךְ שְׁנֶעל צֶעשְׁפְּרֵייט. עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט דָארְט פִּינְף שְׁוֶוערֶע וואוּנְדְן. די גַאנְצֶע פוּס אַרוּם אִיז גֶעוֶוען רוֹיט אוּן וַוארֶעם, אַן אָנְדֵייטוּנְג אַז ס'אִיז אַ שְׁטַארְקֶע אַנְטְצִינְדוּנְג. ס'הָאט אִים זֵייעֶר גֶעקְרַאצְט אוּן וֵוי גֶעטוּן. די זָאקְן הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין צוּקְלֶעבְּן צוּ די וואוּנְדְן אוּן אִים פַארְשַׁאפְט יִסוּרִים וֶוען מֶען הָאט דָאס גֶעמוּזְט אָפְּטֵיילְן. ס'אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ מַצָּב וָואס מַיין מַאמֶע הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּטוּן.

"דָאס מוּז אַ בַּאהַאנְדְלוּנְג," הָאט מַיין מַאמֶע עֶרְקְלֶערְט בַּאזָארְגְט. אוּן הָאט בַּאשְׁטֶעלְט אַ רֵייעֶ בַּיים דָאקְטָאר.



"ס'אִיז נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע זַאךְ," הָאט דֶער דָאקְטָאר בַּאהוֹיפְּטֶעד. "וִוי עֶס שַׁיינְט אִיז דָאס נִישְׁט סְתָּם אַ וואוּנְד וָואס הָאט זִיךְ גֶעשַׁאפְן פוּן אַ קְלַאפּ. דָאס אִיז לִכְאוֹרָה עֶפֶּעס מֶער עֶרְנְסְט. ס'קֶען זַיין אַ בִּיס פוּן אַ בַּעַל חַי', אַן אַלֶערְגִיעַ רֶעאַקְצִיעֶ פוּן עֶסְן, אָדֶער קֶען דָאס זַיין אַ שְׁטַארְקֶע אִינְפֶעקְצִיעֶ פוּן בַּאצִילְן וָואס קֶען זִיךְ צֶעשְׁפְּרֵייטְן אִיבֶּערְן גַאנְצְן קֶערְפֶּער הַשֵּׁם יְרַחֵם אוּן אוֹיךְ זִיךְ אַרִיבֶּערְכַאפְּן צוּ דֶער גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער דָאקְטָאר הָאט אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אַ לַאנְגֶע מְגִלָּה אִין זַיין קָאמְפְּיוּטֶער אוּן אַרוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַ גַאנְצֶע טוּץ מִיט בְּלֶעטֶער מִיט אָנְוַוייזוּנְגֶען וואוּ אוּן וֶועלְכֶע טֶעסְטְן מֶען דַארְף מַאכְן.

אוֹי, מַיין מַאמֶע אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען צֶעשָׁאקְלְט אוּן הִיסְטֶערִישׁ. וואוּ הֵייבְּט מֶען אָן אוּן וואוּ עֶנְדִיגְט מֶען?

וֶוען מֶען טַאטֶע הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם גַאנְצְן בַּארִיכְט פוּן דֶעם עֶרְנְסְטֶער מַצָּב אִיז עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען. וָואס מַאכְט מֶען דָא אַ גַאנְצֶע רַעשׁ? מִיר הָאבְּן דָאךְ דֶעם כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה. וָואס דַארְפְן מִיר זוּכְן עֵצוֹת פוּן פְרֶעמְדֶע פֶעלְדֶער?

מַיין חָשׁוּבֶ'ער טַאטֶע, זָאל זַיין גֶעזוּנְט אִיז אַ חֲצוֹת אִיד, דָבוּק צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בַּיי יֶעדְן טְרִיט אוּן שְׁרִיט. עֶר בַּאמִיעֶט זִיךְ כָאטְשׁ עֶטְלִיכֶע מָאל אִין יָאר צוּ מַאכְן אַ נְסִיעָה צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן. עֶר הָאט שׁוֹין זַיין 'דָאקְטָאר' בַּיי וֶועמֶען עֶר לָאזְט זִיךְ הֵיילְן...

מַיין טַאטֶע הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (אין תורה י"ד) לֶערְנְט אוּנְז: ...שֶׁמַּאֲמִין בַּה', שֶׁהַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא טוֹב לַכֹּל הֵן לִרְפוּאָה, הֵן לְפַרְנָסָה, הֵן לְכָל הַדְּבָרִים כְּשֶׁמַּאֲמִין כָּךְ, בְּוַדַּאי יִהְיֶה עִקַּר הִשְׁתַּדְּלוּתוֹ בָּתַר קֻדְשָׁא-בְּרִיךְ-הוּא, - עֶר גְלֵייבְּט אִין בַּאשֶׁעפֶער אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז גוּט פַאר יֶעדֶע זַאךְ סַיי פַאר רְפוּאָה, סַיי פַּרְנָסָה, אוּן סַיי פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן. אַז מֶען הָאט

די אֱמוּנָה, וֶועט זִיכֶער זַיין דֶער עִיקָר הִשְׁתַּדְּלוּת צוּ בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶּער.״ אַנְשְׁטָאט אַרוּמְצוּלוֹיפְן זוּכְן אַ פַּאסִיגֶער דָאקְטָאר אָדֶער מֶעדִיצִין און זִיךְ בְּרֶעכְן קָאפּ בֶּעסֶער לָאמִיר גֵיין צוּם עִיקָר און בֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

מַיין טַאטֶע הָאט מַצִיעַ גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל וַוייטֶער שְׁמִירְן דִי פָּשׁוּטֶ׳ע זַאלְבְּן ווִי בִּיז יֶעצְט און מֶען זָאל זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין וָואס דָא טוּט זִיךְ.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט מִיט נַחְמָן און גֶעזָאגְט אַ תִּיקוּן הַכְּלָלִי און הֵייס מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי חוֹנֵן דַּעַת זַיין וָואס דָא גֵייט פָּאר. ס׳אִיז נִישְׁט סְתָּם אַן אָנְשִׁיקֶענִישׁ פוּן וואוּנְדְן. און נִישְׁט ווייל מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעטְרָאפְן דִי גוּטֶע הֵיילוּנְג ווייל דֶעם לֵיידְט מֶען, נָאר ס׳דָא טַעַם פָּאר דִי אִינְפֶּעקְצִיֶע, אַ סִבָּה פַארְוָואס מֶען לַיידְט.

נַחְמָן הָאט גֶעטְרַאכְט און גֶעטְרַאכְט און גֶעמַאכְט אַ לַאנְגֶע יִשּׁוּב הַדַּעַת, וָואס קֶען עֶר טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן עֶפֶּעס? בִּיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם אַנֶערְקֶענוּנְג וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן צְווִישְׁן אִים און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער. און הָאט גְלַייךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט כּוֹחוֹת אִין דֶעם.

אַ טָאג צְוֵויי שְׁפֶּעטֶער הָאט מַיין מַאמֶע בַּאמֶערְקְט אַז ס׳הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קוּמֶען נַייעֶ וואוּנְדְן, דָאס מֵיינְט אַז דִי ווירוּס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט. בִּיז אַ וָואךְ שְׁפֶּעטֶער אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין זֵכֶר פוּן אַייטֶער נָאר אַפָּאר טְרוּקֶענֶע פְלֶעקְן, אַן אָנְדֶענְק פוּן דִי פְּרִיעֶרְדִיגֶע אָנְשִׁיקֶענִישׁ.

גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער!




המשך פון די לעצטע זייט

שְׁטְרוּיכְלוּנְגֶען וֶועלְכֶע הַאלְטְן אִים אָפּ עֶס צוּ מְקַיֵּים זַיין.

פוּן אָנְהֵייבּ הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס עֶס פַּאסִירְט אִים, עֶר ווִיל דָאךְ נָאר טוּן גוּטֶע טַאטְן, עֶר ווִיל הָאבְּן סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא. בִּיז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט דִי זַאךְ אַז דֶער צִיל פַארְוָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶּער שִׁיקְט אִים מְנִיעוֹת הָאט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַטָּרָה, וָואס אִיז דִי מַטָּרָה פוּן דִי אַלֶע מְנִיעוֹת? צוּ פַארְשְׁטַארְקְן דֶעם חֵשֶׁק און ווִילְן!

מִיר וֶועלְן גוּט אַרַיינֶעמֶען אִין אוּנְז אַז אוֹיבּ מֶען שִׁיקְט אוּנְז מְנִיעוֹת וֶוען מִיר ווִילְן טוּן אַ מִצְוָה אָדֶער גוּטֶע זַאךְ אִיז דִי מַטָּרָה נָאר מִיר זָאלְן בַּאקוּמֶען מֶער און מֶער חֵשֶׁק צוּ טוּן דִי גוּטֶע זַאךְ.

(ע״פ ליקו״מ ס״ו)

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי** אִיז גֶעפָאְרן אִסְרוּ חַג סֻכּוֹת יָאר תקס״ח צוּם שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג, דָארְטְן אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין גֶעוַואלְדִיגֶע סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן נָאךְ דְרַיי יָאר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פָּרְשַׁת בָּלָק תקס״ח אוּן אַפָּאר חֳדָשִׁים שְׁפֶּעטֶער שַׁבַּת חֲנוּכָּה, יָאר תקס״ט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַ מוֹרָא׳דִיגֶע תּוֹרָה אוֹיף חֲנוּכָּה וָואס רוּפְט זִיךְ ״יְמֵי חֲנוּכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה״.

נָאכְן תּוֹרָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן זִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל פוּן ״שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד לוּלֵי ה׳ שֶׁהָיָה לָנוּ יֹאמַר נָא יִשְׂרָאֵל (תְּהִלִּים קכד, א)״ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל. דֶער קַאפִּיטְל גֶעבְּט אַרוֹיס אַ שֶׁבַח וְהוֹדָאָה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז וֶוען נִישְׁט דִי הִילְף פוּנֶעם גָאט ב״ה אִיז ׳חַיִּים בְּלָעוּנוּ׳ וָואלְטְן דִי גוֹיִים מִיט דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּנְז אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט חַס וְשָׁלוֹם.

דָאס יָאר פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס וֶועט זַיין מִיטְ׳ן רֶבִּי׳נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר הָאבְּן גֶעדַאוְונְט אוּן גֶעהָאפְּט אוֹיף דֶער הִילְף פוּן בַּאשֶׁעפֶּער אוּן אַ דַאנְק דֶעם אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער הֶערְלִיכֶער קִבּוּץ בַּיים רֶבִּי׳ן מִיט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן, אִידְן זֶענֶען גֶעפָארְן מִיט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּם רֶבִּי׳ן אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה.

יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע נִסִּים וְנִפְלָאוֹת וָואס עֶר מַאכְט מִיט אוּנְז טָאג טֶעגְלִיךְ, סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת. וִויפִיל נִסִּים פַּאסִירְט מִיט יֶעדֶעם אֵיינֶעם פוּן אוּנְז, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן נוֹדֶה לְךָ וּנְסַפֵּר תְּהִלָּתֶךָ עַל חַיֵּינוּ הַמְּסוּרִים בְּיָדֶךָ וְעַל נִשְׁמוֹתֵינוּ הַפְּקוּדוֹת לָךְ וְעַל נִסֶּיךָ וְנִפְלְאוֹתֶיךָ שֶׁבְּכָל עֵת עֶרֶב וָבֹקֶר וְצָהֳרָיִם.

אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן שַׁבָּת בַּיי תְּפִילַּת נִשְׁמַת כָּל חַי, אִילוּ פִינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה כַּהֲמוֹן גַּלָּיו וְכוּ׳ אֵין אֲנַחְנוּ מַסְפִּיקִים לְהוֹדוֹת לְךָ... אוּן דָאס אִיז אֲפִילוּ נָאר בְּגַשְׁמִיּוּת, עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה קַל וָחֹמֶר בֶּן בְּנוֹ שֶׁל קַל וָחֹמֶר אִין רוּחָנִיּוּת וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אוּנְז אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, מִיר אַלֶע זֶענֶען שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה וּמִצְוֹת אוּן מִיר גְלֵייבְּן אִינֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ אוּן מִיר הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, מִיר גְלֵייבְּן אִין אַלֶע צַדִּיקִים פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת בִּיז וַוייטֶער דִי תְּנָאִים א.א.וו. בִּיזְ׳ן הַיינְטִיגְן דוֹר, בִּפְרָט וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן אוּן הֵייבְּן דִי פִיס אִין אַ טֶענְצְל, בִּפְרָט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז ס׳אִיז אַ גְרוֹיסֶער ׳מִצְוָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד׳. דַארְפְן מִיר זִיךְ אַלֶע בַּאנַייעֶן אוּן זִינְגֶען אוּן זָאגְן הַלֵּל שָׁלֵם בְּקוֹל גָּדוֹל מִיט אַ גֶעשְׁמַאק. אוּן אַזוֹי וִוי בַּיָּמִים הָהֵם אִיז גֶעוֶוען מָסַרְתָּ גִּבּוֹרִים בְּיַד חַלָּשִׁים וְרַבִּים בְּיַד מְעַטִּים וְכוּ׳ אַזוֹי אוֹיךְ בִּזְמַן הַזֶּה, אַבִּיסְל שֶׁמֶן זַיִת, אַבִּיסְל לִיכְטִיגְקַייט פוּנֶעם רֶבִּי׳נְס קְוַואל, אַ פוּנְק פוּן רֶבִּי׳נְס פַייעֶרְל וֶועט פַארְבְּרֶענֶען אֶלֶף אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵייף פְּסוּל וָואס עֶס אִיז הַיינְט דָא. אִין זְכוּת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן אוּן זַיין גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד וָואס זֵיי זֶענֶען דֶער אוֹר הָאֱמֶת וֶועט מְקֻיָּם וֶוערְן דֶער פָּסוּק שְׁלַח אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ הֵמָּה יַנְחוּנִי יְבִיאוּנִי אֶל הַר קָדְשְׁךָ וְאֶל מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# דער ניגון אין בּאַרסלעב

אין שטאָט בּרסלב איז פאָרגעקומען אַ חתונה אַפּאָר טעג פאַר חנוכּה, די חתונה האָט זיך געצויגן בּיז פאַרטאָגס אַזוי ווי עס איז געווען איינגעפירט יענע צייטן, ווען די חתונה האָט זיך געענדיגט פלעגט מען אין יענע יאָרן אַהיים בּאַגלייטן די מחותּנים מיט נגונים און מוזיק בּאַגלייט מיט כּלי זמר, די שפּילער פלעגן שוין זיין אויסגעמוטשעט נאָך אַ לאַנגע נאַכט פריילעך מאַכן דעם עולם, בּפרט דער פּויקער איז זייער מיד געווען פון זיינע קלאַפּעריען ער קען שוין נישט בּייגן זיין האַנט...

בּיי יענעם חתונה איז דער פּויקער, יענקל זייער מיד געווען, און דער אָנפירער פונעם מוזיק האָט איהם געגעבן אַ פּאַטש, דער יאַנקל האָט זיך צעוויינט, רופט זיך אָן דער אָנפירער "יענקל אַ פּאַטש געכאַפּט – שפּיל פריילעך!".

און דער זעלבּער צייט וואָס מען האָט בּאַגלייט די מחותּנים איז ר' נתן געווען אין זיין אויבּערשטן שטיבּל צוזאַמען מיט זיין תּלמיד ר' מאיר לייבּ בּלעכער. די בּאַגלייטער זענען אַריבּער אונטער ר' נתן'ס שטובּ זינגענדיג אַן התעוררות ניגון.

ר' נתן מיט ר' מאיר לייבּ האָבּן זיך צוגעהערט צו דעם תּנועה, און ר' מאיר לייבּ זייענדיג אַ בּעל מנגן האָט ער אַרויפגעלייגט די ווערטער פון "ומנותר קנקנים, נעשה נס לשושנים" (פּיוט 'מעוז צור') אלס הכנה צו די טעג פון חנוכּה. פון דאַן ווערט דער ניגון געזונגען בּיי אונזערע לייט מיט גרויס בּענקשאַפט און געגועים בּיי די חנוכּה לעכט אַזוי אויך בּיי די חבורות וואו עס קומען זיך צוזאַם בּרסלבע בּחורים אָדער קינדער, בּעטנדיג זיך בּיים אייבּערשטן אַז די קליין בּיסעלע ריינע אויל, וואָס דאָס איז אונזערע קליינע מעשים און דאָס בּיסעלע אמונה וואָס מיר האָבּן נאָך אין היינטיגן דור זאָל זיין אין אונזער אויגן גאָר טייער און חשוב און פון דעם וועט ווערן 'נס לשושנים' און דאָס בּיסל גוטס וועט פאַרבּרענען אַלע שלעכטס און אַלעס וועט ווערן פאַרראַכטן.

פון דעם וואָרט פונעם מוזיק-פירער איז געבּליבּן בּיי אונזערע לייט דער התחזקות וואָרט "אַ פּאַטש געכאַפּט – שפּיל פריילעך" אפילו מ'כאַפּט אַ פּאַטש, דאַרף מען זיך ווייטער האַלטן און זינגען און זיך פרייען מיט אונזער עבודת השם.

אין ספר "אבניה בּרזל" ווערט געבּרענגט אַן ענליכע מעשה וואָס איז געווען בּיים רבּי'ן, און דער רבּי האָט דאַן געזאָגט: "אַ פּאַטש געכאַפּט – און פריילעך געקלאַפּט!" אפילו האָסט געכאַפּט אַ פּאַטש – דאַרפסטו ווייטער פּויקן פריילעך! (אפילו אויבּ דער יצר הרע האָט דיר געגעבן אַ פּאַטש און בּיסט אַריינגעפאַלן אין אַ טיפע גרוב, מאַך גלייך אַ תּפילה צום אייבּערשטן, "בּאַשעפער קוק ווי איך בּין אַריינגעפאַלן האָב רחמנות אויף מיר און בּרענג מיר צוריק צו דיר איך וויל נישט זיין אין דעם פּלאָנץ" מיט דעם גיט מען אַ פּאַטש דעם בּעל דבר און מ'קען ווייטער אָנגיין מיט עבודת השם.)



אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין וֶועגְן דִי נִגוּנִים פוּן ר' מֵאִיר לֵייבּ בְּלֶעכֶער אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ פַארְצֵיילְן אַבִּיסְל וֶועגְן אִים. אַזוֹי וִוי פוּל תַּלְמִידִים פוּן ר' נָתָן אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם וָואס הָאט גֶעדִינְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ, ר' מֵאִיר אִיז גֶעוֶוען אַ בְּלוּטִיגֶער אָרִימַאן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט פַאר אֲפִילוּ פָּשׁוּטֶע גֶעבְּרוֹיכְן וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט חֲתוּנָה מַאכְן זַיין טָאכְטֶער, אִין אַ מַזָלְדִיגֶ'ע שָׁעָה, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם זַאךְ אִיר צוּ גֶעבְּן פַאר דִי חֲתוּנָה, אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט דִי טֶעג, דִי כַּלָּה הָאט זִיכֶער גֶעוֶוען פַארְקְלֶעמְט, דִי חֲתוּנָה גֵייט שׁוֹין זַיין אוּן גֶעלְט אִיז נִישְׁטָא, נִישְׁט קֵיין שְׁטוּב נִישְׁט קֵיין קְלֵייד נִישְׁט בְּגָדִים אוּן כֵּלִים, וֶוער רֶעדְט וֶועגְן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר דִי סְעוּדָה פוּן דִי חֲתוּנָה, גָארְנִישְׁט.

אַפָּאר טֶעג פַאר דִי חֲתוּנָה אִיז ר' מֵאִיר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין טָאכְטֶער אוּן אִיר גֶעזָאגְט: מַיין טַייעֶר קִינְד, אִיךְ הָאבּ בֶּאֱמֶת דִיר נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן בְּגַשְׁמִיוּת, דִי וֵוייסְט דָאךְ אוּנְזֶער מַצָב, דָאךְ וִויל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ מַתָּנָה, עֶפֶּעס אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע גֶעשַׁאנְק פַאר דַיין חֲתוּנָה, דִי טָאכְטֶער הָאט זִיךְ זִיכֶער גֶעוואוּנְדֶערְט, וֶועלְכֶע מַתָּנָה קֶען אִיר טַאטֶע אִיר גֶעבְּן? ר' מֵאִיר מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ נִיגוּן! אוּן ר' מֵאִיר הָאט צוּגֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ זִינְגֶען פַאר זַיין טָאכְטֶער דִי כַּלָּה דֶעם נִיגוּן "עוֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן" וָואס דָאס הָאט עֶר מְחַבֵּר גֶעוֶוען פַאר אִיר לְכָבוֹד דִי חֲתוּנָה, דֶער נִיגוּן וָואס וֶוערְט גֶעזוּנְגֶען הַיינְט בַּיי רוֹב אִידִישֶׁע חֲתוּנוֹת.

פְּרֶעגְט אִיר קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס הָאט זִי גֶעהַאט פוּן אַ נִיגוּן? וָואס קֶען מֶען טוּן מִיט אַ נִיגוּן? אָבֶּער אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין צוּזַאמֶען, וֶועלְן מִיר זֶעהְן זֵייעֶר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ, ר' מֵאִיר ז"ל דֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא מִיט אוּנְז, זַיין טָאכְטֶער דִי כַּלָּה, אִיז שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט דָא, פוּן אִירֶע קִינְדֶער וֵוייסְן מִיר נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אָבֶּער דִי לֶעכְטִיגֶע, טַייעֶרֶע לִיד וָואס זִי הָאט דֶעמָאלְטְס בַּאקוּמֶען בְּמַתָּנָה, הָאט אַ נִצְחִיוּת, עֶס זִינְגְט זִיךְ נָאךְ בִּיז הַיינְט, אוּן וֶועקְט אוֹיף יֶעדֶער אִיד וָואס הֶערְט אוּן זִינְגְט דָאס, הַארְצִיגֶע הֵיילִיגֶע גֶעפִילְן פוּן תְּשׁוּבָה, פוּן שִׂמְחָה, אוּן דֶערְמַאנְט אוּנְז פוּנֶעם תַּכְלִית.







**טרעף צען חילוקים.**

# לעובדא ולמעשה

## עובדות פון הרה"ח
## רבי אפרים'ל ז"ל

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף הָרַב הֶחָסִיד ר' אֶפְרָיִמְ'ל קְרַאקָאווְסְקִי זַצַ"ל אַז עֶר הָאט גֶעהַאט נָאר אֵיין אֵיינְצִיגֶע טָאכְטֶער, וֶוען דִי טָאכְטֶער אִיז גְרוֹיס גֶעוָוארְן אוּן עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ רֶעדְן פַּאר אִיר שִׁידוּכִים הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט פוּן ר' אֶפְרָיִמְ'ל וָואסְפַארַא סָארְט שִׁידוּךְ זוּכְט עֶר פַאר זַיין טָאכְטֶער? הָאט עֶר בַּאלְד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ זוּךְ אַ בָּחוּר וָואס מַאכְט בְּרָכוֹת הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל"! אוּן הָאט גְלַייךְ צוּגֶעלֵייגְט: "וֶוער עֶס מַאכְט בְּרָכוֹת הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל הָאט אִין זִיךְ אַוודְאַי אַלֶע מַעֲלוֹת".

וֶוען ר' אֶפְרָיִמְ"ל פְלֶעגְט גֵיין אִין דִי גֶעסֶעלֶעך פוּן יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקֹּדֶשׁ הָאט מֶען אִים אֵייבִּיג גֶעזֶען זִיךְ בֵּייגְן צוּ דֶער עֶרְד אוּן אוֹיפְהֵייבְּן פַּאפִּירְן אוּן שְׁמוּץ וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיף דֶער עֶרְד, אָדֶער הָאט עֶר בַּאדֶעקְט שְׁמוּץ מִיט אַבִּיסְל זַאמְד. אֵיינְמָאל הָאט אִים הָרַב הֶחָסִיד ר' יוֹסֵף אָרְלִיךְ ז"ל גֶעזֶען זִיךְ אַזוֹי בֵּייגְן אִין גַאס אוּן אוֹיפְהֵייבְּן זַאכְן פוּן דֶער עֶרְד, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוּן גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס דַארְפְט אִיר זִיךְ אַזוֹי פְּלָאגְן אוֹיפְצוּהֵייבְּן אָפְּפַאל וָואס אַנְדֶערֶע וַוארְפְן אַרָאפּ?". הָאט אִים ר' אֶפְרָיִמְ"ל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "שׁוּקֵי יְרוּשָׁלַיִם עֲשׂוּיִין לְהִתְכַּבֵּד בְּכָל יוֹם" (פסחים ז') דִי גַאסְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם דַארְף מֶען רֵיין מַאכְן



יֶעדֶע טָאג. לַיידֶער אִיז יְרוּשָׁלַיִם חָרוּב אוּן הָאט פַארְלוֹירְן אִיר פְּרַאכְט, אָבֶער אִיךְ, וֶוען אִיךְ וָואלְט נָאר גֶעקֶענְט וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען דֶער מִיסְט-קֶערֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם"! אַז דָאס קֶען אִיךְ בַּאווַייזְן צוּ טוּן, טוּ אִיךְ כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ קֶען יָא".

בִּכְלַל אִיז דִי הֵיילִיגֶע לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֶעוֶוען זֵייעֶר טַייעֶר אוּן חָשׁוּב בַּיי אִים אוּן עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע לַאנְד טוּט יֶעדֶעס בַּארְג, יֶעדֶע טָאל מְרַמֵּז זַיין אוֹיף זֵייעֶר הוֹיכֶע אוּן הֵיילִיגֶע עֲנִיָּנִים ס'אִיז נִישְׁט סְתָּם שֵׁיינֶע פַּאנַארַאמֶען אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אִין דֶער וֶועלְט, נָאר יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זֶעט אִין דֶעם הֵיילִיגְן לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף עֶפֶּעס. דִי בֶּערְגְל צֵייגְט אוֹיף "עַזוּת", דֶער אַנְדֶערֶער אוֹיף "יִרְאָה אוּן בּוּשָׁה" דָאס צוּ חֶסֶד אוּן יֶענֶע צוּ "גְבוּרָה" .

(אש תמיד תוקד)

# דוּרכְן זָאגְן הַלֵל מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לִיבּ הָאבְּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן!

(ספר המדות אהבה אות ח׳)



## א קליין ליבליגע תפלה געבויט אויף ליקוטי תפלות



...אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אַז דִי שִׂמְחָה וֶועט דֶערְגְרֵייכְן בִּיז דִי פִּיס, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טַאנְצְן פוּן פְרֵייד. אוּן בִּפְרָט אִין שַׁבָּת אוּן יָמִים טוֹבִים, חֲנוּכָּה אוּן פּוּרִים אוּן אַנְדֶערֶע שִׂמְחוֹת שֶׁל מִצְוָה. זַיי מִיר צוּ הִילְף זִיךְ צוּ דֶערְפְרֵייעֶן מִיטְן גַאנְצְן שְׁטַארְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּ טַאנְצְן אַסַאךְ.

אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה אוּן טוּן אַלֶע מִצְווֹת מִיט אַ גְרוֹיס פְרֵייד אַז דִי שִׂמְחָה וֶועט דֶערְגְרֵייכְן בִּיז דִי פִּיס אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ הֵייבְּן דִי פִּיס אוֹיף אַרוֹיף, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זִיךְ דֶערְבַּארִימֶען אוּן אוֹיפְהֵייבְּן אַלֶע תּוֹמְכֵי תּוֹרָה, וֶועלְכֶע זֶענֶען דִי אֱמֶת׳ע אָנְלַיינֶער וָואס הַאלְטְן אוֹיס דִי לוֹמְדֵי תּוֹרָה אוּן הֶעלְפְן זֵיי אַרוֹיס מִיט זֵייעֶר בְּרֵייטֶע גוּטֶע הַאנְט.



... אוּן זוֹכֶה זַיין דוּרְכְן צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע אוֹיל פוּן חֲנוּכָּה צוּ פַּרְנָסָה וָואס וֶוערְט נִמְשָׁךְ פוּן מְקוֹר הָרָצוֹן, אַז מֶען זָאל גְלוּסְטְן אוּן בֶּענְקֶען צוּ הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רָצוֹן אָן קַיין שִׁיעוּר. ...אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין אַז צוּ אַזַא חֲנוּכָּה קֶען מֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין נָאר דוּרְכְן זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ דֶער רֶבִּי אוּן מַנְהִיג וָואס עֶר אִיז דֶער אֱמֶת׳ער רַחְמָן, ווארוּיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה אִים צוּ טְרֶעפְן. (תפלה ב׳ תנינא)



דֶער עִיקָר קְדוּשַׁת בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס מֶען אִיז מַמְשִׁיךְ אִין חֲנוּכָּה אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ דֶעם הֵיילִיגְן דַעַת ״צוּ וִויסְן אוּן צוּ מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַנְדֶערֶע אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער עֶר אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער.״

(תפלה ז׳ תנינא)



# ליכטעלעך פון חנוכה

1 בַּײַ דִי לֶעכְט, אַלֶע נֶעכְט
אַפָּאָר מִינוּט אִיךְ גִיבּ אַװֶעק
צוּ דַאנְקְען גָאט, אוֹיף װָאס עֶר הָאט
גֶעשֶׁענְקְט מִיר אָן קַײן עֶק
מַתָּנוֹת עַד אֵין סוֹף

2 אַזוֹיפִיל גוּטְס אָן אַ צָאל
אִיךְ בִּין אַ חֵלֶק פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל
מִיט יֶעדְן טוֹב
וָואס אִיךְ הָאבּ לָרוֹב
שַׁאף אִיךְ נַחַת פַאר דִיר פָּארְט
בַּיים כִּסֵא הַכָּבוֹד דָארְט

1 דִיר צוּ דַאנְקְען אוּן צוּ לוֹיבְּן
לְהוֹדוֹת, וּלְהַלֵּל
הָאסְט מִיר דֶערְהוֹיבְּן,
אִיךְ טוּ גְלוֹיבְּן,
אַז אַלְס אִיז נָאר פוּן דִיר
מַתָּנוֹת אָן אַ שִׁיעוּר

2 סְפֶּעצִיעֶל אַ גְרוֹיסְן שְׁבַח
אַז אִיךְ וֵויס פוּן רֶבִּי'נְס זַאךְ
בַּאקוּמֶען דָאךְ
דֶעם שֶׁמֶן זָךְ
מִיט אַ פְּלַאם
אַלֶע צוּזַאם
וֶועלְן מִיר אַ טֶענְצְל גֵיין...

## גְרַאמֶען אוֹיפְן בְּרֶסְלֶבֶ'ע נִיגוּן מָעוֹז צוּר
(שְׁנֶעלֶע)



מָעוֹז צוּר יְשׁוּעָתִי ...

1) וֶוען אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דִי מַעֲשֶׂה מֵאוֹרֵחַ?

2) חֲנוּכָּה הָאט שַׁייכוּת צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָדֶער צוּ יוֹם כִּפּוּר (עי' לקוטי מוהר"ן ז' תנינא)

3) וֶועלְכֶע שִׂיחָה רֶעדְט דֶער רֶבִּי וֶועגְן דֶער סוֹד פוּן דְרֵיידְל?

4) וָואס אִיז מֶען זוֹכֶה דוּרְךְ זָאגְן הַלֵּל מִיט אַ קוֹל?

5) אִין וֶועלְכֶע תּוֹרָה דֶערְמַאנְט דֶער רֶבִּי וֶועגְן "לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל"?

6) וֶועלְכֶע קַאפִּיטְל תְּהִלִּים הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען בַּיים רֶבִּי'נְס שַׁבָּת חֲנוּכָּה טִישׁ אָן קֵיין שִׁיעוּר מָאל?

די קינדער וואס ענפטערן אויף די שאלות וועלן בעזה"ש אריינגיין
אין א שיינע גורל לכבוד חנוכה
ראז איבער די תשובות אויף קנעפל 7 מיט דיין נאמען און טעלעפאן נומער.

| | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ע | ז | נ | ס | ש | ט | ז | א | כ | י | פ | ד | ה | ש | ג | ס | ג | כ |
| ת | י | ר | ת | ה | ס | ה | ש | ב | ל | ס | נ | פ | א | ע | י | ה | ט |
| פ | ס | נ | א | ש | פ | ח | נ | ג | ח | ע | ג | ס | ד | צ | ס | כ | ה |
| ע | ע | מ | י | א | נ | ו | מ | ש | ח | ע | ל | ל | ז | ע | י | ע | ח |
| י | ה | ר | ע | ק | פ | ב | נ | ד | ז | י | ג | ק | ק | ל | ד | ל | י |
| ת | ר | מ | ע | נ | ל | י | פ | ק | ס | ה | ה | ט | ס | ח | ש | ט | ס |
| נ | ב | י | ו | ל | נ | ו | א | נ | ק | נ | א | ד | מ | ה | א | י | ו |
| ס | מ | ה | מ | ו | ד | ר | י | י | ד | ל | ה | ט | ח | ו | ג | ו | ה |
| ק | ע | ס | ד | ל | מ | ז | ד | נ | ל | י | צ | י | ע | ו | ל | נ | ו |
| ר | ו | ח | ש | י | י | ע | ש | א | ח | ל | י | ל | י | ד | ס | ק | ח |
| י | ז | א | מ | נ | ו | ר | ה | ע | נ | נ | ה | ח | א | י | ב | נ | ל |
| ג | צ | י | ש | ת | פ | ו | פ | ס | ו | נ | ו | י | י | ט | ב | ו | צ |
| ל | ו | צ | ק | פ | ל | ס | נ | ב | ס | ל | א | כ | ל | ח | ס | ת | ש |
| א | ר | ש | ז | ש | מ | נ | ז | י | ת | ז | כ | א | ה | כ | ה | מ | ת |
| ו | ת | ב | ו | א | ע | ח | מ | ט | מ | ח | ט | ר | ז | ט | ב | ת | ב |
| י | ט | ט | ח | נ | ו | כ | ה | ג | ע | ל | ט | צ | נ | ת | ש | ת | נ |
| ל | ו | פ | ר | ת | ז | ס | ז | ט | נ | ל | ע | ו | ק | י | נ | ה | פ |
| נ | ס | ג | ד | ו | ל | ה | י | ה | ש | מ | ג | ש | מ | ע | ש | נ | פ |

זוך אויך די נעמען פון די לשכות אין היילגן בית המקדש, קענסט עס טרעפן ארויף, אראפ, רעכטס, לינקס און שיף

**קְנוֹיטְלֶעך / לִיכְט / מְנוֹרָה / יְוָנִים / חַשְׁמוֹנָאִים / שַׁמָּשׁ**

**נֵס קְרִיגְל אוֹיל / וְעַל הַנִּסִּים / לַאטְקֶעס / שֶׁמֶן זַיִת זָךְ**

**דְרֵיידְל / חֲנוּכָּה / מָעוֹז צוּר / אַכְט טֶעג / נֵס גָדוֹל הָיָה שָׁם**

**חֲנוּכָּה גֶעלְט / הַלֵּל / שֶׁהֶחֱיָינוּ / דַאנְקֶן און לוֹיבְּן**

און דֶער 'בַּארְג' מִיט דֶעם 'קְוַואל', שְׁטֵייט אִין אֵיין עֶק פוּן דֶער וֶועלְט – און דָאס 'הַארְץ' פוּן דֶער וֶועלְט, שְׁטֵייט אִין דֶעם אַנְדֶערְן עֶק פוּן דֶער וֶועלְט – און דָאס 'הַארְץ' שְׁטֵייט אַקֶעגְן דֶעם 'קְוַואל', און גְלוּסְט און בֶּענְקְט תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] זֵייעֶר, אַז סְ'זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם 'קְוַואל'.

און דָאס בֶּענְקְן און דָאס גְלוּסְטְן פוּן דֶעם 'הַארְץ' צוּ דֶעם 'קְוַואל' – אִיז גָאר וִוילְד, און סְ'שְׁרַייט תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] דָאס 'הַארְץ', אַז סְ'זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם 'קְוַואל' – און דֶער 'קְוַואל', גְלוּסְט צוּ דֶעם 'הַארְץ' אוֹיךְ.

און דָאס 'הַארְץ', הָאט צְוֵויי חֲלִישׁוּת (דְהַיְינוּ: צְוֵויי שְׁלַאפְקֵייט [שְׁוַואכְקֵייט]). אֵיינְס: וָוארְן דִי 'זוּן' יָאגְט עֶס זֵייעֶר, און בְּרֶענְט עֶס (וַוייל סְ'בֶּענְקְט אַלְץ, און וִויל קוּמֶען צוּם 'קְוַואל').

און דָאס אַנְדֶערֶע שְׁלַאפְקַייט [שְׁוַואכְקַייט] הָאט דָאס 'הַארְץ': מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם בֶּענְקְן און דָאס גְלוּסְטְן, וָואס דָאס 'הַארְץ' בֶּענְקְט און גְלוּסְט תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג], און סְ'גֵייט גָאר אוֹיס צוּ דֶעם 'קְוַואל', און סְ'שְׁרַייט אַלְץ סְ'זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם 'קְוַואל' כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – וָוארְן דָאס 'הַארְץ' שְׁטֵייט תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] אַקֶעגְן דֶעם 'קְוַואל', און שְׁרַייט: "נַא גֶעוַואלְד", און סְ'בֶּענְקְט אַלְץ זֵייעֶר זֵייעֶר צוּ דֶעם 'קְוַואל' כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

לוּשְׁמִיר [נָאר] אַז דָאס 'הַארְץ' בַּאדַארְף זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן, אַז סְ'זָאל זִיךְ אָפְּסַאפְּן [אָפְּכַאפְּן] אַבִּיסְל – אַזוֹי קוּמְט אַ גְרוֹיסֶער פוֹיגְל, און פַארְשְׁפְּרֵייט דִי פְלִיגְל אוֹיף אִים, און פַארְשְׁטֶעלְט אִים פוּן דֶער זוּן – דֶעמָאלְט רוּהְט זִיךְ דָאס 'הַארְץ' אָפּ אַבִּיסְל.

און אֲפִילוּ דֶעמָאלְט אַז סְ'רוּהְט זִיךְ אָפּ, קוּקְט עֶס אוֹיךְ אַקֶעגְן דֶעם 'קְוַואל', און בֶּענְקְט אַלְץ צוּם 'קְוַואל'. לוּשְׁמִיר [נָאר] אַז סְ'בֶּענְקְט יָא אַזוֹי צוּם 'קְוַואל', פַארְוָואס גֵייט עֶר נִישְׁט צוּם 'קְוַואל'?

נָאר וִויבַּאלְד דָאס 'הַארְץ' וִויל צוּגֵיין נָאנְט צוּם 'בַּארְג', וָואס אוֹיבְן אִיז דֶער 'קְוַואל', אַזוֹי זֶעהְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיס דֶעם 'שְׁפִּיץ', קֶען עֶר נִישְׁט זֶעהְן דֶעם 'קְוַואל' – און וִויבַּאלְד עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם 'קְוַואל', גֵייט עֶר אוֹיס, וָוארְן גָאר זַיין חִיוּת פוּן דֶעם 'הַארְץ', אִיז נָאר פוּן דֶעם 'קְוַואל'.

און אַז עֶר שְׁטֵייט אַקֶעגְן 'בַּארְג', זֶעהְט עֶר [יָא] אַרוֹיס דֶעם 'שְׁפִּיץ בַּארְג' וָואס דָארְט אִיז דֶער 'קְוַואל' – אָבֶּער תֵּיכֶף וִויבַּאלְד עֶר וִויל צוּגֵיין צוּם 'בַּארְג', זֶעהְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיס דֶעם 'שְׁפִּיץ' – (וָוארְן אַזוֹי אִיז זִיךְ דֶער שְׁטֵייגֶער בַּיי אַ הוֹיכְן 'בַּארְג' – פוּן וַוייטְן [פוּנְדֶערְוַוייטְנְס] אַז מְ'שְׁטֵייט, זֶעהְט מֶען אַרוֹיס דֶעם 'שְׁפִּיץ' – און אַז מְ'גֵייט צוּ נָאנְט, זֶעהְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיס דֶעם 'שְׁפִּיץ') – קֶען עֶר שׁוֹין נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם קְוַואל, קֶען עֶר חַס־וְשָׁלוֹם אוֹיסְגֵיין.

און אַז דָאס 'הַארְץ' זָאל חַס־וְשָׁלוֹם אוֹיסְגֵיין, וָואלְט גָאר דִי וֶועלְט חָרוּב גֶעוָוארְן – וָוארְן דָאס 'הַארְץ' אִיז זִיךְ דָאס חִיוּת פוּן אִיטְלֶעכֶער זַאךְ – און וִוי קֶען דִי וֶועלְט אַ קִיוּם הָאבְּן אָן דֶעם 'הַארְץ'?

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] קֶען דָאס 'הַארְץ' נִישְׁט צוּגֵיין צוּם דֶעם 'קְוַואל' – נָאר סְ'שְׁטֵייט תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] אַקֶעגְן דֶעם 'קְוַואל', און סְ'בֶּענְקְט און סְ'שְׁרַייט תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג], אַז סְ'זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם 'קְוַואל', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

און דֶער 'קְוַואל' הָאט גָאר קַיין 'זְמַן' נִישְׁט – וָוארְן דֶער 'קְוַואל' אִיז גָארְנִישְׁט אִין 'זְמַן' – (כְּלוֹמַר: דֶער 'קְוַואל' הָאט קַיין שׁוּם 'צַייט' נִישְׁט – דְהַיְינוּ: עֶר הָאט

נִשְׁט קַיין שׁוּם ׳טָאג׳ און קַיין שׁוּם ׳צַייט׳ אִין דֶער וֶועלְט – וָוארְן עֶר אִיז גָאר הֶעכֶער, פוּן דֶער ׳צַייט׳ פוּן דֶער וֶועלְט). לוּשְׁמִיר [אָבֶער] וִויאַזוֹי קֶען דֶער ׳קְוַואל׳ זַיין אִין דֶער וֶועלְט? – (וָוארְן אִין דֶער וֶועלְט, קֶען זִיךְ [דָאךְ] קַיין זַאךְ נִישְׁט זַיין אָן אַ ׳צַייט׳?).

לוּשְׁמִיר [נָאר] גָאר דִי ׳צַייט׳ פוּן דֶעם ׳קְוַואל׳, אִיז נָאר וָואס דָאס ׳הַארְץ׳ שֶׁענְקְט דֶעם ׳קְוַואל׳ אַ טָאג בְּמַתָּנָה – און אַז דֶער ׳טָאג׳ וִויל זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְלָאזְן, און וִוי דֶער ׳טָאג׳ וֶועט אַוֶועקְגֵיין, וֶועט זִיךְ שׁוֹין דֶער ׳קְוַואל׳ קַיין ׳זְמַן׳ נִישְׁט הָאבְּן – וֶועט דֶער ׳קְוַואל׳ אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט – וִוי דֶער ׳קְוַואל׳ וֶועט נִישְׁט זַיין, וֶועט זִיךְ דָאס ׳הַארְץ׳ אוֹיךְ אוֹיסְגֵיין חַס־וְשָׁלוֹם, וֶועט חַס־וְשָׁלוֹם גָאר דִי וֶועלְט בָּטֵל וֶוערְן, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

אַזוֹי־וִוי ס׳קוּמְט נָאנְט צוּם סוֹף טָאג, אַזוֹי הֵייבְּן זֵיי זִיךְ אָן צוּ גֶעזֶעגֶענֶען, אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערְן, דָאס ׳הַארְץ׳ מִיט דֶעם ׳קְוַואל׳ – און זֵיי הֵייבְּן אָן צוּ זָאגְן ׳חִידוֹת׳, און ׳שִׁירִים׳, און ׳לִידֶער׳, אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן, זֵייעֶר ווּאוּילֶע ׳חִידוֹת׳ און ׳לִידֶער׳, מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט, און מִיט גְרוֹיס בֶּענְקֶעכְץ זֵייעֶר, אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן, דָאס ׳הַארְץ׳ צוּם ׳קְוַואל׳, און דֶער ׳קְוַואל׳ צוּ דֶעם ׳הַארְץ׳.

און דֶער ׳אֶמֶת׳ר אִישׁ־חֶסֶד׳, הָאט דֶערוּיף הַשְׁגָּחָה, און עֶר הִיט דָאס אָפּ – און וִוי סְ׳קוּמְט דֶער ׳טָאג׳ גָאר צוּם סוֹף, נָאר עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְלָאזְן – (וָואס אָט בַּאלְד וִוי דֶער ׳טָאג׳ וֶועט זִיךְ אוֹיסְלָאזְן, און דֶער ׳קְוַואל׳ וֶועט שׁוֹין קַיין ׳טָאג׳ נִישְׁט הָאבְּן כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – וֶועט עֶר אַוֶועקְגֵיין – און אַזוֹי וֶועט חַס־וְשָׁלוֹם דָאס ׳הַארְץ׳ אוֹיךְ אוֹיסְגֵיין – וֶועט חַס־וְשָׁלוֹם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט חָרוּב וֶוערְן) – אַזוֹי קוּמְט אָן דֶער ׳אֶמֶת׳ר אִישׁ־חֶסֶד׳, און שֶׁענְקְט אַ ׳טָאג׳ דֶעם ׳הַארְצְן׳ – און דָאס ׳הַארְץ׳ שֶׁענְקְט דֶעם ׳טָאג׳ דֶעם ׳קְוַואל׳ – אַזוֹי הָאט שׁוֹין ווִידֶער דֶער ׳קְוַואל׳ אַ ׳זְמַן׳ (דְהַיְינוּ: דֶעם ׳טָאג׳ – קֶען שׁוֹין דֶער ׳קְוַואל׳ ווִידֶער אַ קִיוּם הָאבְּן – קֶען שׁוֹין דָאס ׳הַארְץ׳ אוֹיךְ אַ קִיוּם הָאבְּן וְכוּ׳).

און אַז דֶער ׳טָאג׳ קוּמְט אָן, פוּן וַואנֶען עֶר קוּמְט – אַזוֹי גֵייט דֶער ׳טָאג׳ אוֹיךְ, מִיט ׳חִידוֹת׳, און מִיט ווּאוּילֶע ׳שִׁירִים׳, וָואס אִין זֵיי אִיז דָא אַלֶע ׳חָכְמוֹת׳.

און סְ׳אִיז דָא חִילוּקִים צְווִישְׁן דִי טֶעג, וָוארְן סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן ׳זוּנְטָאג׳ און ׳מָאנְטָאג׳ וְכוּ׳ – און אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדְן ׳ראשׁ־חוֹדֶשׁ׳ און ׳יָמִים־טוֹבִים׳ (כְּלוֹמַר: וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶעם ׳טָאג׳, וָואסְפַארַא ׳טָאג׳ סְ׳קוּמְט – מִיט אַזוֹינֶע ׳שִׁירִים׳ קוּמְט עֶר אָן).

און גָאר דֶער ׳זְמַן׳, וָואס דֶער ׳אֶמֶת׳ר אִישׁ־חֶסֶד׳ הָאט, אִיז זִיךְ אַלְץ דוּרְךְ מִיר (דְהַיְינוּ: דוּרְךְ דֶעם ׳כְּבַד־פֶּה׳, וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) – וָוארְן אִיךְ גֵיי זִיךְ, און נֶעם צוּם אוֹיף [צוּנוֹיף] אַלֶע אֶמֶת׳ע חַסָדִים – וָואס פוּן זֵיי וֶוערְט גָאר דֶער ׳זְמַן׳ כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

(און אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז דֶער ׳כְּבַד־פֶּה׳ קְלוּגֶער, אֲפִילוּ פוּן דֶעם ׳חָכָם׳ וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶר אִיז קְלוּג וִוי וֶועלְכֶער ׳טָאג׳ מְ׳ווִיל״ – וָוארְן גָאר דִי ׳צַייט׳ מִיט דִי ׳טֶעג׳, וֶוערְן זִיךְ גָאר דוּרְךְ אִים – וָואס דִי ׳טֶעג׳ קוּמֶען אָן מִיט ׳שִׁירִים׳ און ׳חִידוֹת׳, וָואס אִין זֵיי אִיז אַלֶע ׳חָכְמוֹת׳ וְכוּ׳ כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס], הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַ ׳הַסְכָּמָה׳, פוּן דֶעם ׳אֶמֶת׳ן אִישׁ־חֶסֶד׳, אַז אִיךְ קֶען רֶעדְן ׳חִידוֹת׳ און ׳שִׁירִים׳, וָואס אִין זֵיי אִיז אַלֶע חָכְמוֹת (וָוארְן גָאר דִי ׳טֶעג׳, מִיט דִי ׳חִידוֹת׳, מִיט דִי ׳שִׁירִים׳, וֶוערְן זִיךְ גָאר דוּרְךְ אִים, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה גְמוּרָה ׳דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק׳, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־וִוי אִיךְ״.

אִיז דָארְט גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, און אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה, און זֵיי הָאבְּן אַ הִילוּא גֶעטָאן [אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ שִׂמְחָה].

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (8)

**א. וואו שטייט די הארץ און ווי שטייט די קוואל?**
- ❑ די קוואל ביי די עק פון דער וועלט און דער הארץ אינמיטן פון דער וועלט
- ❑ די הארץ ביי די עק פון דער וועלט און די קוואל אינמיטן פון דער וועלט
- ❑ די קוואל ביי איין עק פון דער וועלט און דער הארץ ביי די אנדערע עק פון דער וועלט

**ב. וועלכע חלישות האט די הארץ?**
- ❑ ווייל די זון יאגט איר זייער
- ❑ וויל ס'בענקט און גלוסט און גייט אויס צום קוואל
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. ווער העלפט פאר די הארץ זיך צו אפרוען?**
- ❑ א גרויסע פייגל וואס שפרייט אויס די פליגלען
- ❑ א גרויסע אדלער וואס שפרייט אויס די פליגלען
- ❑ א גרויסע וואלקן וואס מאכט א גרויסע שאטן

**ד. פארוואס גייט נישט די הארץ צום קוואל?**
- ❑ ווייל ס'איז זייער זייער וויט
- ❑ וויל גייענדיג וועט ער אים נישט זעהן וועט ער אויסגיין
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. ווער גיבט זמן פאר די קוואל?**
- ❑ די הארץ גיבט אים א טאג במתנה
- ❑ דער חכם גיבט אים א טאג במתנה
- ❑ די שטיין גיבט אים א טאג במתנה

**ו. וואס פאסירט צווישן די הארץ און דעם קוואל פאר די טאג גייט אוועק?**
- ❑ זיי זאגן חידות שירים און לידער איינער צום אנדערן
- ❑ זיי טוען זיך אפרוען
- ❑ זיי וויינען און שרייען

**ז. ווער גיבט פאר די הארץ א טאג במתנה?**
- ❑ דער בעטלער דער כבד פה
- ❑ דער אמת'ר איש חסד
- ❑ דער וואס איז קלוג ווי דער טאג

**ח. ווער גיבט די זמן פאר דער אמת'ר איש חסד?**
- ❑ דער וואס איז קלוג ווי דער טאג
- ❑ די קוואל
- ❑ דער בעטלער דער כבד פה

ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

"בֶּעְנְקט און גְלוּסְט תָּמִיד. און סֶע גֵייט גָאר אוֹיס" ביי וועלכע מעשה נאך ווערט דערמאנט "בענקען" און וועלכע נאך לשונות שטייט דארטן וואס ביי אונז ווערט נישט דערמאנט ?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

וואספארא זאך ווערט דערמאנט דא ביי אונזער מעשה – און אויך ווערט עס דערמאנט ביי די מעשה פון דער בעל תפילה ? א מליץ

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

# דעם רבינ'ס משלים



## מְנִיעוֹת צוּ פַאר־שְׁטֶערְקֶן דֶעם חֵשֶׁק

יוּדָא'לֶע הָאט זַייעֶר לִיבּ צוּ לֵיינֶען מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים, יֶעדְן טָאג נָאכְן חֵדֶר טְרֶעט עֶר גְלַייךְ צוּ צוּם שַׁאפֶע, עֶר נֶעמְט אַרוֹיס צְוֵויי בִּיכֶער אוּן הֵייבְּט אָן לֵיינֶען. וִוי נָאר עֶר אִיז פַארְטִיג מִיט אֵיין בִּיכְל הַאלְט עֶר שׁוֹין אַ צְוֵוייטֶע אִין דֶער הַאנְט. אַזוֹי לֵיינְט עֶר אֵיין סֵפֶר נָאכְן צְוֵוייטְן.



מִיט דֶער צַייט הָאט יוּדָא'לֶע אָנְגֶעיָאגְט אוֹיסְצוּלֵיינֶען אַלֶע סְפָרִים אוּן בִּיכֶער פוּן זַיין שְׁטוּבּ, אוּן דַאן הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֵיינֶען אוּן אִיז מֶער נִישְׁט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם שַׁאפֶע.

אֵיין טָאג וֶוען יוּדְל קוּמְט אַהֵיים בַּאמֶערְקְט עֶר וִוי דִי שַׁאפֶע אִיז לֵיידִיג, עֶס הָאט נִישְׁט אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין אֵיין סֵפֶר. עֶר שְׁפְּרִינְגְט אוֹיף פוּן זַיין אָרְט אוּן לוֹיפְט פַארְסַאפֶּעט אַרוּם דֶער גַאנְצֶער הוֹיז פְרֶעגְנְדִיג דִי גֶעשְׁווִיסְטֶער: "אֵיינֶער וֵוייסְט אֶפְשָׁר וואוּ עֶס אִיז נֶעלְם גֶעוָוארְן אַלֶע סְפָרִים?" וֶוער הָאט גֶעזֶען מַיינֶע בַּאלִיבְּטֶע בִּיכֶער וָואס אִיךְ הָאבּ אַזוֹי לִיבּ צוּ לֵיינֶען? עֶר קֶען זֵיי נִישְׁט טְרֶעפְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ זֵיי זֶענֶען אַהִינְגֶעקוּמֶען...

זַיין גְרוֹיסֶער בְּרוּדֶער יַעְנְקִי דֶערְצֵיילְט אִים בְּסוֹד:

"עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער פוּן דֶעם בִּנְיָן זֶענֶען גֶעקוּמֶען בָּארְגְן עֶטְלִיכֶע סְפָרִים, זֵיי הָאבְּן גֶעסְט אוֹיף שַׁבָּת, הָאבְּן אוּנְז זֵיי פַארְבָּארְגְט אַלֶע סְפָרִים אוּן בִּיכֶער..."

וֶוען יוּדָא'לֶע הָאט גֶעהֶערְט דִי בְּשׂוֹרָה אַז דִי סְפָרִים זֶענֶען מֶער נִישְׁט דָא, יֶעצְט הָאט עֶר מֶער נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ לֵיינֶען הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ בִּיטֶערֶע גֶעוֵויין: "וָואס? אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹי שְׁטַארְקְט לִיבּ מַיינֶע סְפָרִים, אִיךְ וִויל יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג לֵיינֶען אוּן לֶערְנֶען, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם, וֶוען וֶועלְן עֶס דִי שְׁכֵנִים צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען? אִיךְ וִויל עֶס שׁוֹין לֵיינֶען..."

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דֶעם סוֹד פוּן דִי וֶוערְטֶער "מְנִיעוֹת לְהַגְבִּיר הַחֵשֶׁק" דִי גְרוֹיסֶע מַעֲלָה פוּן חֵשֶׁק וָואס קוּמְט דַוְקָא נָאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַ מְנִיעָה צוּ אַ זַאךְ.

ר' שְׁלֹמֹה פַארְמָאגְט גֶעוַואלְדִיגֶע רְצוֹנוֹת, עֶר וִויל פָארְן צוּם צִיּוּן פוּנֶעם צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר וִויל דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּונָה, עֶר וִויל עֶנְדִיגְן גַאנְץ תְּהִלִּים, עֶר וִויל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הֵייבְּט אוֹיסְפִירְן זַיינֶע גֶעוַואלְדִיגֶע רְצוֹנוֹת, וַואקְסְן אִים אַרוֹיס פִיל מִיט מְנִיעוֹת, אֵיינְמָאל אִיז אִים דִי טִיקֶעט בָּטֵל גֶעוָוארְן, דִי גֶעלְט הָאט אִים אֵיינֶער גֶע'גַנְבֶ'ט, אֵיינְמָאל אִיז דֶער סִדּוּר פַארְלוֹירְן גֶעגַאנְגֶען, וֶוען אִימֶער עֶר וִויל טוּן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ טְרֶעפְט עֶר זִיךְ אָן מִיט

המשך אויף זייט 5